**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/3/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 850 מיליאן דאלער אין 'אויסגעלאזטע ארבעטער פראגראם' געלטער באשטעטיגט פאר אויסטיילן אין ערשטן מאנאט פון פראגראם

***250 מיליאן דאלער אין בענעפיטן שוין ארויסגעלאזט; נאך 600 מיליאן דאלער גייט אדורך ענדגילטיגע באשטעטיגונג פאר אפליקאנטן אידענטיפיצירט אלס בארעכטיגט אויסגעטיילט צו ווערן ביים ענדע מאנאט***

***90,000 ניו יארקערס האבן זיך געווענדן פאר דעם 'אויסגעלאזטע ארבעטער פראגראם', וואס גיבט פארלייכטערונג פאר מענטשן וואס האבן פארלוירן פארדינסטן אין לויף פון פאנדעמיק און האבן נישט קוואליפיצירט פאר אנדערע בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האט באשטעטיגט איבער 850 מיליאן דאלער אין 'אויסגעלאזטע ארבעטער פראגראם' בענעפיטן אויף אויסצוטיילן אין ערשטן מאנאט פון אפליקאציעס בעפאר דער פראגראם גייט לעבעדיג. פון די בענעפיטן האט מען שוין ארויסגעגעבן 250 מיליאן דאלער, און נאך 600 מיליאן דאלער גייט דורך ענדגילטיגע באשטעטיגונג פאר אפליקאנטן אידענטיפיצירט אלס בארעכטיגט, וועלכס איז ערווארטעט אויסגעטיילט צו ווערן ביז'ן ענדע מאנאט. דער פראגראם אפליקאציע האט זיך אנגעהויבן אום אויגוסט 1, 2021, אין 13 אנדערע שפראכן, און אינערהאלב איין מאנאט האט NYS DOL באקומען איבער 90,000 אפליקאציעס, פון וועלכע באלד 50,000 דערפון זענען שוין באשטעטיגט ביז אהער. פאנד אדמיניסטרירער האבן אפגעשאצט אז איבערקוקן און פראצעסירן וועט נעמען זעקס ביז אכט וואכן, אבער נאענטע צוזאמענארבעט צווישן פארשידענע סטעיט אגענטורן האט ערמעגליכט פאר די געלטער ארויסצוגיין פיל פריער.

"דער קאוויד-19 (COVID-19) פאנדעמיע איז נאכנישט פאריבער, און אין דער צייט וואס מיר זעצן פאר ווייטער אונזער ארבעט אויף איבערצובויען און זיך ערהוילן ווייסן מיר אז מענטשן זענען נאך אלץ אין נויט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די 'אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד' איז א קריטיש-וויכטיג לעבנס-מיטל פאר טויזנטער ניו יארקערס וועלכע זענען אן אינטעגראלע טייל פון אנהאלטן די ארבעט פון אונזער סטעיט אין לויף פון די ערגסטע מאמענטן פון דער פאנדעמיע, און דערפאר האב איך געדרוקט זיכער צו מאכן אז די געלט גייט ארויס ווי שנעלער. דאס איז א וויכטיגע ערשטע טריט - געלטער גייען ארויס בעפאר דער סקעדזשיול צוצושטעלן פאר די מענטשן די פינאנציעלע פארלייכטערונג וואס זיי ברויכן און וואס קומט זיך זיי. איך אפלאדיר די אדוואקאטן, קאמיוניטי ארגאניזאציעס, און דער סטעיט לעגיסלאטור פאר'ן מאכן דער היסטארישער פראגראם אווירקליכקייט, און איך דערמוטיג אלע בארעכטיגטע ניו יארקערס זיך צו ווענדן."

"די ארבעטער האבן צוגעטרעטן ווען דער פאנדעמיע האט זיך ערשט אנגעקלאפט, און געהאלטן פירן ניו יארק אויף פאראויס," **האט געזאגט ניו יארק סטעיט קאמפטראלער טאמאס פי. דינאפאלי.** מיר טוען אונזער חלק גיך איבערצוקוקן און פראצעסירן באצאלונגען כדי אז בארעכטיגטע באקומער קענען באקומען די נויטיגע הילף."

די ׳אויסגלאזטע ארבעטער פאנד׳ איז געשאפן געווארן צו ברענגען פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר טויזנטער ארבעטער איבער׳ן סטעיט וועלכע האבן פארלוירן פארדינסטן אין לויף פון דער פאנדעמיע און האבן נישט קוואליפיצירט פאר רעגירונג-געגעבענע קאוויד-19 בענעפיטן און איז אין די ענדגילטיגע פאזעס פון באשטעטיגונג.

אפליקאנטן קענען זיך ווענדן אויף די אינטערנעט 24/7, און דער DOL׳ס 600 מולטי-שפראך ארבעטער אין זייער קאָלל צענטער שטייען גרייט זיבן טעג א וואך, פון 7 צופרי ביז 7 אוונט. דער EWF אפליקאציע פראצעס ניצט פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, אריינגערעכנט א EWF ווירטועלע געהילף וועלכס קען צושטעלן פאר אפליקאנטן זייער אפליקאציע סטאטוס דורכאויס דער פראצעס. אפליקאנטן קענען אויך רעדן לעבעדיג מיט אן אגענט אדער באקומען א רוף צוריק אין 24 ביז 48 שעה. דער אפליקאציע און אן FAQ דאקומענט זענען צו באקומען אין 13 אנדערע שפראכן אויף דעם לעיבאר דעפארטמענט׳ס EWF בלאט.

באשטעטיגטע אפליקאנטן באקומען איינע פון צוויי בענעפיט סומעס באזירט אויף דער שטאפל ארבעט בארעכטיגקייט דאקומענטן וואס זיי גיבן אין צוגאב צו באשטעטיגן זייער אידענטיטעט און וואוינונג אדרעס. ערשטע ריי בארעכטיגטע באקומען 15,600 דאלער, און צווייטע ריי בארעכטיגטע באקומען 3,200 דאלער. ביז היינט זענען איבער 10,000 אפליקאנטן באשטעטיגט געווארן צו באקומען געלטער, מיט נאך באלד 40,000 אין דער ענדגילטיגער באשטעטיגונג פאזע. פון צווישן די האבן 99 פראצענט קוואליפיצירט פאר ערשטע ריי בענעפיטן. באשטעטיגטע אפליקאנטן באקומען אן איין-מאליגע באצאלונג אויף א פּריפּעיד קארטל וואס ווערט געשיקט אויף פאסט צו דער אדרעס צוגעשטעלט אין דער אפליקאציע. קארטלעך ערמעגליכן פאר קעש ארויסגענומען צו ווערן אדער איינקויפונגען ביי ביזנעסער.

אזוי ווי מיט אַנעמפּלוימענט אינשורענס קלעימס זענען די באוואכונגען און פעלשעריי דערשפירונגען אריינגעבויעט אין דער אויספירליכע איבערזיכט פראצעס אויסגעשטעלט צו פארזיכערן אז געלטער גייען צו בארעכטיגטע אפליקאנטן און נישט צו סקעמערס.

DOL פלאנירט צוצושטעלן אן עכט-צייטיגע דעשבּאָרד וועלכס וועט גיבן די לעצטערע EWF פראגראם דאטע.

**דאטע פונקטן:**

- זינט אוגוסט 1, 2021, האבן זיך געוואנדן איבער 90,000 ניו יארקערס.
- באלד 250 מיליאן דאלער איז שוין אויסגעטיילט געווארן.
- נאך 600 מיליאן דאלער איז אין דער ענדגילטיגער באשטעטיגונג פראצעס.
- פון די נישט-ענגלישע אפליקאציעס אריינבאקומען ביז היינט זענען די דריי מערסט פאפולערע שפראכן ספּאַניש (32%), כינעזיש (2.97%), און קאָרעאַניש (1.1%).
- אפליקאציעס זענען שוין אריינגעקומען אין אראביש, בענגאַליש, פראנצויזיש, האַיטיש־קרעאָל, איטאליעניש, פויליש, רוסיש, און אורדו.
- 54% פון די באשטעטיגטע ארבעטער זענען צווישן די יארן 30 און 39
- מערסטע 10 קאונטיס לויט באשטעטיגטע אפליקאציעס
  - קווינס - 30%
  - קינגס - 17%
  - בראנקס - 15%
  - ניו יארק - 7%
  - נעסאוי - 4%
  - וועסטשעסטער - 4%
  - סופאלק - 4%
  - ריטשמאנד - 2%
  - ערי - 1%
  - מאנראו

- מערסטע 10 זיפ קאודס
  1. 11368 - 4%
  2. 11373 - 3%
  3. 11220 - 3%
  4. 11355 - 3%
  5. 11377 - 2%
  6. 11372 - 2%
  7. 11354 - 1%
  8. 10458 - 1%
  9. 10467 - 1%
  10. 10468 - 1%

**NYS לעיבאר קאמישענער ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״אונזער אגענטור איז אויפ׳ן וועג צו האבן געפארטיגט פראצעסירן איבער 90,000 אפליקאציעס פאר אן ערשט-אין-לאנדיגער פראגראם אין לויף פון בלויז עטליכע וואכן. איך שטאלציר מיך מיט דער טיעם וועלכע האט געארבעט איבערמידליך אויפצושטעלן א גאנצע נייער פראגראם, וועלכס העלפט איצט צענדליגע טויזנטער ניו יארקער פאמיליעס.״

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״מען קען שוין ענדליך זען פארלייכטערונג פאר די הונדערטער טויזנטער ניו יארקערס לענגאויס אונזער סטעיט וועלכע זענען געווארן אויסגעלאזט אן קיין פינאנציעלע שטיצע דורכאויס דער פאנדעמיע, א העכסט-נייטיגע אונטערהאלט צו קאָמיוּניטיס אָוו קאָלאָר. מיר ארבעטן נאך צו מאכן אז דער פאנד זאל ארייננעמען ווי מער מענטשן וועלכע האבן פארלוירן פארדינסטן אין דעם לעצטן יאר א האלב, אבער אזוי ווי טשעקס הייבן שוין אן אנצוקומען ביי אויסגעלאזטע ארבעטער אינדערהיים זענען מיט דאנקבאר אז זיי וועלן קענען נאכיאגן מיט רענט און העלפן זייערע קינדער זיך בעסער צוצוגרייטן פאר דער סקול יאר.״

**אסעמבלי מיטגליד קאַרמען דע לאַ ראָסע האט געזאגט,** ״ דער פאנד פאר אויסגעלאזטע ארבעטער איז געשאפן געווארן פון די וויטאג און ייאוש וואס מיר האבן צוגעזען ווען אונזערע קאמיוניטיס זענען געווארן אויסגעלאזט פון רעגירונג הילף ביי דער שפיץ פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. ענדליך האט די העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג אנגעהויבן גרייכן פאמיליעס איבער אונזער סטעיט. מיר קוקן ארויס אויף אנצוהאלטן וויטער די ארבעט מיט גאווערנער האקול און דער לעיבאר דעפארטמענט צו עלימינירן די צוטריט באצוימונגען, און צו פארזיכערן אז ווי מער פאמיליעס האבן די מעגליכקייט צו בענעפיטן פון די פאנד.

**ביאנקא גווערערא פון דער ׳פאנד אויסגעלאזטע ארבעטער קאאליציע׳ האט געזאגט,** ״ נאך אכצן חדשים פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע באקומען ענדליך באטראפענע קאמיוניטיס די עמערדזשענסי פארלייכטערונג וועלכע עס קומט זיי. דער פאקט אז 90,000 אויסגעלאזטע ארבעטער האבן זיך געווענדן אין די ערשטע 30 טעג צייגט דער דרינגענדער נויט פון דער פראגראם. דער ׳פאנד אויסגעלאזטע ארבעטער קאאליציע׳, וועלכס איז צוזאמגעשטעלט פון 200 ארגאניזאציעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, שטאלצירט זיך מיט דאס ארגאניזירן דורך אויסגעלאזטע ארבעטער און זייערע קאמיוניטיס וועלכס האט געפירט צו דעם מאמענט. ניו יארק סטעיט מוז אוועקשטעלן א נייע פרעצעדענט פאר די רעכטן פון אימיגראנט ארבעטער לענגאויס דעם לאנד. מיר וועלן וויטער נאענט איבערקוקן דאס איינפירן פון דעם פראגראם צו פארזיכערן אז אלע בארעכטיגטע ניו יארקערס קענען זיך ווענדן פאר די פארלייכטערונג.״

**מאנועל קעסטרא, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ׳נייע אימיגראנט קאמיוניטי באפולמעכטיגן׳ (NICE), האט געזאגט,** ״איבער די לעצטע 18 חדשים האבן מיר געזען ערשט-האנטיג דער חורבן וואס דער פאנדעמיע האט געבראכט צו די אימיגראנט קאמיוניטיס און די ריזיגע נויט וואס זיי שטייען איצט אויס. צוליב דעם, איבער׳ן לעצטן מאנאט, האט NICE געהאלטן טעגליכע קליניקס ארויסצוהעלפן הונדערטער אימיגראנט ארבעטער און זייערע פאמיליעס זיך צו ווענדן צו די ׳אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד׳, א

פראגראם וועלכס וועט נישט נאר ראטעווען לעבנס נאר וואס איז אויך קריטיש-וויכטיג פאר דער ערהוילונג פון אונזער שטאט. ווען קאוויד-19 האט זיך ערשט אנגעשטויסן, האבן אימיגראנט ארבעטער געטון די נייטיגע דזשאבס אויף די פערנט-ליניעס אין ניו יארק סיטי, דער עפיצענטער פון דער פאנדעמיע. אבער ווען זיי האבן פארלוירן ארבעט זענען זיי געווען אויסגעלאזט פון סיי וועלכע סארט פאנדעמיע פארלייכטערונג. די פאנדס זענען קריטיש-וויכטיג פאר די אלע שווער-ארבעטנדע מענטשן און זייערע פאמיליעס וועלכע האבן געווארט שוין איבער א יאר און שפילן אזעלכע וויכטיגע ראלעס אין אונזער קאמיוניטיס.״

**פיעט מעיערס, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טאמפקינס קאונטי ארבעטער צענטער האט געזאגט,** ״געלטער פון דער ׳אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד׳ באזארגן נויטיגע פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר ארבעטער וועלכע טרייבן עקאנאמישע וואוקס אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון פאר די ניו יארקערס וואס האבן אזויפיל ביישטייערט צו אונזער סטעיט אבער האבן נישט געקענט באקומען קיין בענעפיטן ווען זיי האבן פארלוירן ארבעט אין לויף פון דער פאנדעמיע.״

**ריטשערד וויט, עקזעקיוטיוו פון דער ׳רורעל ענד מייגרענט מיניסטרי׳ האט געזאגט,** ״ מיר זענען באגייסטערט צו זען די העכסט-נייטיגע בענעפיטן גייען צו עסענשעל וואורקערס לענגאויס ניו יארק סטעיט, וועלכע האבן, דורך זייער ארבעט, געמאכט העכסט-נייטיגע ביישטייערונגען צו אונזער עקאנאמיע. פאַרם-ארבעטער ספעציעל האבן געשפילט א הויפט ראלע אין אונזער סטעיט׳ס ערהוילונג, און מיר האבן אדוואקירט צו פארזיכערן אז זיי ווערן באהאנדלט מיט כבוד, און ווערן געגעבן די גלייכבארעכטיגטע שטיצע וואס קומט זיך זיי.״

תיכף נאך דאס דורכפירן פון דער וויכטיגער EWF לעגיסלאציע אין אפריל האט DOL אנגעהויבן נאענט מיטארבעטן מיט פארשטייער פון די ׳פאנד אויסגעלאזטע ארבעטער קאאליציע׳ און אנדערע רעגירונג אגענטורן וועלכע סערווירן אימיגראנט באפעלקערונגען צו פארזיכערן אז דער פראגראם וועט זיין אייגנארטיג צוגעפאסט צו טרעפן די געברויכן פון קאמיוניטיס וועלכע עס זוכט צו העלפן. פארשטייענדיג אז פילע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן דאס נאענטסטע מיט באטראפענע קאמיוניטיס שטייען אויס רעסורס באגרעניצונגען, האט DOL אויסגעטיילט מער ווי 15 מיליאן דאלער אין גרענט געלטער פאר 75 נאנפראפיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס (CBO׳ס) לענגאויס דעם סטעיט צוצושטעלן דירעקט אפליקאציע הילף, אויסשולן, און טרענירונג. די דאזיגע קאמיוניטי מיטארבעטער האבן אויך צוגעשטעלט העכסט-נויטיגע ייעוץ אויף אלע אספעקטן פון דעם פראגראם, אריינגערעכנט אנטוויקלען רעגולאציעס וועלכע טוען באדייטנד פארברייטערן די צאל דאקומענטן וועלכע אפליקאנטן קענען אריינגעבן אויף צו באשטעטיגן בארעכטיגקייט און דער אפליקאציע אליין.

אן אויספירליכע ליסטע פון באשטעטיגטע CBO׳ס וועלכע שטייען גרייט אויף צו העלפן אפליקאנטן קען מען געפונען ביי [dol.ny.gov/cbolist](dol.ny.gov/cbolist). אין צוגאב צו אָוטריטש פון COB מיטארבעטער האט דער NYS DOL איינגעפירט א באקאנט-מאכונג קאמפיין פאר EWF וועלכס רעכנט אריין עדווערטייזמענטס אין ענגליש, ספּאַניש, און כינעזיש אויף סאושעל מעדיע, טעלעוויזיע, צייטונגען, סאבוועיס, און באסעס.

בענעפיטן ווערן איצט אויסגעטיילט צו באשטעטיגטע אפליקאנטן לויט ווער עס קומט אן קודם, און דערפאר ווערן ניו יארקערס דערמוטיגט זיך צו ווענדן ווי שנעלער ביי [dol.ny.gov/ewf](dol.ny.gov/ewf).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן